**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/2/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט פאליציי ארעסט פון 213 מענטשן פאר שיכור'ע דרייוון דורכאויס טענקסגיווינג האלידעי 'קרעקדאַון'**

***טרופערס האבן געגעבן כמעט 14,100 טיקעטס דורכאויס די 2022 טענקסגיווינג האלידעי טראפיק אינפארסירונג תקופה***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי האבן געגעבן 14,063 טיקעטס דורכאויס די היי-יאריגע טענקסגיווינג טראפיק אינפארסירונג איניציאטיוו וואס האט געציהלט אומזיכערע דרייווינג אויפפירונגען דורכאויס די האלידעי דעם סוף וואך. סטעיט טרופערס האבן ארעסטירט 213 מענטשן פארן דרייוון אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל, און זיי האבן אויסגעפארשט 927 עקסידענטן, דריי פון וועלכע האבן געברענגט פאטאליטעטן. די ספעציעלע טראפיק אינפארסירונג תקופה וואס איז פינאנצירט געווארן דורך די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע איז געלאפן פון מיטוואך, נאוועמבער 23, ביז זונטאג, נאוועמבער 27, 2022.

"טרונקן בעפארן זיך זעצן הונטערן רעדל, ספּידינג און אומאויפמערקזאמע דרייוון זענען אלע שלעכטע אויסוואלן וואס קענען האבן לעבנ'ס-טוישנדע קאנסעקווענצן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל אויסלויבן די באמיאונגען פון געזעץ אינפארסירונג מיטגלידער וועלכע האבן געארבעט דורכאויס די האלידעי תקופה מיט א שטייפע האנט אויף שיכור'ע און לייכטזיניגע דרייווערס. זייער שווערע ארבעט ביישטייערט צו האלטן ניו יארק'ס געסער צווישן די זיכערסטע אין דאס לאנד."

די סטעיט פאליציי האט צוגעלייגט פאטראלן צו די געווענטליכע צאל, אריינרעכענענדיג אויפגעשטעלטע טשעקפּוינטס צו זעהן אויב דרייווערס זענען ניכטער, אן איניציאטיוו קעגן דרייווערס וועלכע טרונקען אונטער די לעגאלע עלטער, און אזוי אויך דער "אפעראציע לייג אראפ" (Operation Hang Up) איניציאטיוו וואס ציהלט קעגן אומאויפמערקזאמע דרייווערס דורכן נוצן באהאלטענע פאליציי קארן ( Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) צו בעסער טרעפן דרייווערס וועלכע רעדן אדער טעקסטן אויף טעלעפאנען.  די באהאלטענע קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר אנערקענט ווערן אלץ עמערדזשענסי קארן ווען די עמערדזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "איך אפּלאדיר אונזערע טרופערס און זייער איבערגעגעבנקייט צו האלטן אונזערע געסער זיכער פאר אלע ניו יארקער דורכאויס די סוף וואך פון די טענקסגיווינג האלידעי. די רעזולטאטן פון די קאמפיין ווייזן אויף אז צופיל מענטשן זעצן זיך אוועק הונטערן רעדל בשעת'ן זיין שיכור אדער אונטער די איינפלוס פון דראגס. מיר וועלן נישט טאלערירן אזעלכע אויפפירונג, און די פרויען און מענער פון די סטעיט פאליציי וועלן בלייבן וואכזאם צו אראפנעמען די לייכטזיניגע מענטשן פון אונזערע געסער."

**מארק דזש. פ. שרעידער, קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) און טשעירמאן פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Safety Committee), האט געזאגט,** "נישט קיין חילוק צו עס איז בלויז אראפ די גאס אדער אראפ די אינטערסטעיט הייוועי צו אנקומען צו די באבע'ס הויז אדער צו אן אנדערער באליבטער אדער פריינד'ס הויז, איז דאס האלטן אונזערע געסער זיכער און זיכער מאכן אז איר קומט אן פון און צו וואו איר ווילט גיין א הויפט פריאריטעט פאר אונז. האלידעיס זענען א צייט צו פייערן לעבן, אבער עס איז וויכטיג צו מאכן א פלאן פאר אויב איר האט געפייערט צופיל וויאזוי איר וועט אנקומען צוריק אהיים און נישט לייגן אנדערע אין סכנה אויף אונזערע געסער. מיר זענען אייביג פרייליך צו ארבעטן בשותפות מיט די סטעיט פאליציי און מיט לאקאלע און קאונטי געזעץ אינפארסירונג צו זיכער מאכן אז האלידעי רייזעס גייען ווי זיי דארפן."

אלץ טייל פון די אינפארסירונג האבן טרופערס אויך געציהלט ספיעדינג און אגרעסיווע דרייווערס אריבער די סטעיט. פאלגנד זענען אויסגערעכנט די סארטן טיקעטס וועלכע זענען געגעבן געווארן.

- **ספיעדינג -** 4,757
- **אומאויפמערקזאמע דרייוון -** 425
- **סיטבעלט פארלעצונגען -** 1,791
- **זיך נישט ארויסרוקן פון די וועג פאר עמערדזשענסי קארן -** 131

די רעזולטאטן פון דעם קאמפיין, אויסגערעכנט לויט דעם טרופּ זענען ווי פאלגנד:

| **טרופּ** | **ראיאן** | **שנעלקייט** | **DWI ארעסטן** (צאל מענטשן) | **אומאויפמערקזאמע דרייוון** | **קינדער זיץ/ סיטבעלט** | **מאכן פלאץ פאר עמערדזשענסי קארן** | **סך הכל טיקעטס** (רעכנט אריין אנדערע פארלעצונגען) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **A** | **Western NY** | 320 | 13 | 18 | 221 | 5 | 1,201 |
| **B** | **North Country** | 272 | 4 | 6 | 68 | 15 | 865 |
| **C** | **Southern Tier** | 471 | 8 | 30 | 250 | 16 | 1,400 |
| **D** | **Central NY** | 522 | 11 | 41 | 486 | 10 | 1,791 |
| **E** | **Finger Lakes** | 381 | 16 | 15 | 135 | 9 | 1,414 |
| **F** | **Upper Hudson Valley** | 405 | 45 | 65 | 136 | 7 | 1,201 |
| **G** | **Capital Region** | 411 | 21 | 30 | 94 | 13 | 1,116 |
| **K** | **Lower Hudson Valley** | 836 | 42 | 57 | 90 | 30 | 1,679 |

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1,132 | 2 | 77 | 50 | 31 | 411 | **Long Island** | **L** |
| 600 | 2 | 24 | 53 | 4 | 98 | **New York City** | **NYC** |
| 1,664 | 22 | 210 | 60 | 18 | 630 | **NYS Thruway** | **T** |

###

www.governor.ny.gov נאך נייעס קען מען באקומען ביי
518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov | ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער